STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03245

UNZER LEBEN

Harry Kovner

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



הערי קאָוונער

אונזער לעבען

פון

הערי קאָוונער

פאַרלאַג „סקופוס"

ניו־יורק 1944

DUPLICATE
JEWISH THEOLOGICAL SEMINARY
LIBRARY

S/W/W/N

COPYRIGHT BY HARRY KOVNER
1944

MINKOFF

װער עס פֿיהלט מײַן פֿאָלקס פּײַן
דעם זאָל דאָס בוך געװידמעט זײַן

אינהאַלט:

●

בטחון 7
מענש 9
א חלום 12
איך וויל לעבען 14
קשיות 18
איך באַשולדיג 20
א נשמה יתרה 23
נסים 25
קשיות פון א שאינו יודע לשאול 28
אונזערע וואפען 33
דער דריטער חורבן 35
ווען ווייס איז שוואַרץ 41
העלפט אונזערע ברידער! 43
אַ רוף צו שרייבער 53
אַ באנקעט פאר טייוואַלים 61
פורים 67
פורים 70
די פיער זיהן 73
נאָך פסח 76
נחמו עמי 79
אדם יסודו מעפר 81
וצונו להדליק נר 82
חנוכה 85
אַ לעגענדע 91

בטחון

איך גלויב
אין גאָט,
און לויב
זיינע געבאָט.

ווי אלע עהרליכע אידען
בין איך פרום;
שטענדיג פרעהליך, צופרידען
בין איך דארום.

ווען ס׳קומט א צרה
דאווען איך מעהר;
לערען א בלאַט גמרא
און פארגיס א טרעהר.

איך ווער ניט צעבראָכען,
פאַרליר ניט קיין מוט.
ווייל איך האב בטחון
אז גאָט ווייסט וואס ער טהוט.

מענש

מענש דו ביזט א וועזען א געהיימע,
ביזט קלוג ווי מלך שלמה
און נאריש ווי א בהמה.

מענש איך קען דיך ניט פארשטעהן,
דו ביזט עהרליך און געמיין,
גראָב און איידעל, גרויס און קליין.

דו ביזט שלעכט און גוט,
שרעקליך שלעכט ביז בלוט,
א טרוס און פול מיט מוט.

דו ווילסט זיין פריי און פארשקלאַפּען,
דו ווילסט צעשטערען און ליבסט צו שאַפען,
האָסט מוסר אבער ווילסט שטראפען.

פאר יענעמ׳ס האָסטו א פארלאנג,
פאר כבוד — א ווילדען דראנג,
די בייזקייט פון א שלאנג.

אבער דיינס ווילסטו ניט שפּאַלטען,
דיינס און יענעמס ווילסטו האַלטען,
אליין אלץ פארוואלטען.

ניט דו שלאפסט און ניט דו רוהסט,
דיין האַרץ איז שטענדיג פּוסט,
פאר מעהר א שטענדיגע גלוסט.

דו גלויבסט אין גאָט,
האַלטסט פון זיינע געבאָט,
אבער מאַכסט פון זיי שפּאָט.

שווער דיך צו פארשטעהן,
ביזט א דאָפּעלטער פארשוין,
א מענשענ׳ס צורה און חיה׳שע ציין.

איך וויל ניט זיין פאלש און קליין,
ניט נאָר דיך קען איך ניט פארשטעהן,
נאָר אויך ניט מיין ווייניגקייט אליין.

מענש, איך האָב דיך פלייסיג שטודירט,
דיין יצר טוב איז שוואך פאָרמירט,
דער יצר הרע האָט אונז פארפירט.

א חלום

איך האָב געהאַט א חלום
מיט לאנגע יאהרען צוריק,
איך האָב געטרוימט פון גליק,
ברידערליכקייט און שלום.

איך האָב גע׳חלומ׳ט אז מענשען אלע
פון דער גאנצער וועלט, אלע ראסען,
אלע רעליגיעס, אלע מאסען,
וועלען אין ליבע לעבען ווי חתן כלה.

איך האָב געהאָפט מיט מיין גאנצער נשמה,
אז מענשען וועלען ענדליך
פארשטיין ווי שענדליך
און נאריש איז האס און מלחמה.

איך האָב געהאָפּט און געהאָפּט
אז רעליגיע און וויסענשאפּט
וועלען איבערצייגען, אַז טיראַנישע קראַפט,
גנבה און גזלה ווערען באַשטראָפט.

געגלויבט, ווי אַן אומשולדיג קליין קינד,
האָב איך אַז דער מענשליכער פאַרשטאנד
וועט באהערשען מיט אַ שטארקער האַנד
זיין ליידענשאַפּט צו רציחה, זינד.

ליידער פארשוואונדען ווי רויך
זיינען מיין גלויבען, מיין האָפנונג;
איך בין געווען אונערפאַרען, יונג —
מיין פאַנטאַזיע אביסעל צו הויך.

איך וויל לעבען

איך ליג מיר אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט
און איך טראכט און טראכט;
די געדאנקען שוועבען אזוי ווייט, זעהר ווייט,
ערא׳ינערונגען פון פערלאפענע יאהרען, פון א צייט

וואס זעהט אויס עפּעס טונקעל, בלייך —
וואס איז פארשוואונדען אזוי ווי רויך,
איך בין וואך, איך קען נישט שלאָפען,
מיין געמיט איז שטאַרק געטראָפען.

איך טראכט וועגען איינצעלנע פערזאָנען
וועגען גאנצע פעלקער, נאַציאָנען,
פאר וואס וויל איין מענש באהערשען א צווייטען?
פאר וואס דער לוסט צו פייניגען, צו טויטען?

פאר וואס פארשטייט נישט דער רייכער די נויט
פון דעם וואס האָט נישט קיין ברויט,
פארוואס איז בעשאפען די חיה, די ווילדע,
צו פארצוקען דאס לעמעלע, דאָס מילדע?

צו וואס דארף א מענש ווערען געבאָרען
ווען דער טויט שניידט אָפּ די יאהרען?
צו וואס באַשמוצען מיט גזלה דאס הארץ, די הענד,
ווען צום סוף מוז מען איבערלאָזען יעדען סענט?

וואס פאר א פארדרייטע וועלט!
צו וואס שטורעמס, ערד־ציטערניש, קעלט?
ווער דארף דעם דונער, דעם בליץ
די טריקעניש, אומערטרעגליכע היץ?

ס׳ווילט זיך געבען א שפיי דער וועלט אין געזיכט,
פארדאמט זאָל זיין דאס פינסטערניש — איך וויל ליכט!

ס׳איז אוועק די נאַכט, ווידער די זון שיינט,
איך בין וואך, איך וויל לעבען היינט;
די זון שיינט, זי לאסטשעט, זי ווארעמט,
איך זעה יונגע פאַרלאך געהען געארעמט.

מיט ליבע און לוסט איז פול זייער בלוט,
אין זייערע הערצער האָפנונג און מוט;
דער הימעל איז בלוי, עס דופטען די בלומען,
איך הער געלעכטער, מענשליכע טריט קומען.

די פויגעלעך פליהען ארום און זינגען,
קינדערלעך טאַנצען און שפרינגען;
פארגעסען האב איך די עולות פון דער נאַטור,
פון מענשליכע קריוודעס מעהר קיין שפור.

נאָך וואָס טראַכטען וואָס די וועלט איז צעריסען.
איך וויל לעבען, לאַכען און געניסען!

קשיות

די ערשטע קשיא איז ניט ניי.
נאָך וואס האָט גאָט באַשאַפֿען די וועלט
אויב אלץ ווערט צעשטערט סיי־ווי־סיי
האָט ער דאָך זיין צוועק פארפעלט!

די צווייטע איז אויך גאנץ אלט.
צו וואס האָט ער באַשאַפֿען מענשען און חיות,
יעדען אין אַ באַזונדער געשטאלט,
ווען מענשען האַנדלען דאָך ווי חיות?

דער רשע פרעגט ציניש און מיט שפּאַס:
פאַרוואס איז דער איד דאָס כפרה־הינדעל?
פארוואס איז ער דער קרבן פון האס
און פאַראנטווארטליך פאר יעדענס שווינדעל?

אפילו דער חכם קען ניט פֿאַרשטעהן
אונזער אויסלייזונג פון פרעה'ס יאָמער־טאָל.
גאָט האָט דאָך געוואוסט אז א היטלער וועט אויפשטעהן
און וועט אונז פארשקלאַפען ווידער אמאָל.

איד באַשולדיג!

איך פרעג ביי איידּ: זאָגט מיר, איך וויל וויסען
איהר ליעבע קריסטען, וואו איז אייער געוויסען?
פארוואָס זענט איהר אונז אזוינע פאַרביסענע שונאים,
פארוואָס שפייט איהר אונז אין פנים?

פארוואָס זייט פיעלע, פיעלע דורות
שטראָפט איהר דעם אידען פאַר פרעמדע עבירות?
ווען ס'איז א הונגער אין לאנד
זאָגט איהר, אז דערין איז אונזער האנד!

ווען א גרויסער שטאאטסמאן באַגעהט א שווינדעל,
איז דער איד דאָס כפרה־הינדעל;
ווען א שאַרלאַטאַן, א לומפּ, וויל ווערען גרויס
באצאָהלט דער איד מיט בלוט און שווייס.

האָט א קעניג געהאלטען ביים פארלירען דעם טראָהן,
האָט ווער אויפגעהויבען א רויטע פאָהן,
האָט מען אונז דערפאר צרות אָנגעטהאָן!

זאָגט מיר גוטע, ליעבע גויים,
פארוואָס ערלויבט איהר אייערע רשעים
צו פארגיסען אומשולדיג בלוט,
צו רויבען אונזער האָב און גוט?

ווי קענט איהר מאַכען צו שפּאָט
די וואָס האָבען אייך געגעבען א גאָט?
ווי ערלויבט איהר צו ברייגען אויפ׳ן עשאַפאָט
די קינדער פון דעם וואָס האָט געגעבען די צעהן געבאָט?

דריקט איהר אונז, ווייל מיר זיינען קליין אין צאָהל,
ווייל מיר האָבען ניט עשו׳ס הענד, נור יעקב׳ס קול?
ווי קענט איהר אזוי מאַטערען דעם עם הספר
ווענענס גאַנצע געוועהר איז די תורה און דער שופר?

שעהמען זאָלט איהר זיך, איהר מעכטיגע נאַציאָנען!
מיט אייערע ארמייען און צאָהלרייכע קאַנאָנען
צו רודפ׳ן אויף יעדען שריט און טראָט
אַ שוואַך פאָלק, וועמענס פעסטונג איז בלויז בטחון אין גאָט.

איהר, פריסטער, פאָרשטעהער פון א גרויסען גלויבען,
וואָס פרעדיגט ברידערליכקייט, ווי קענט איהר ערלויבען
אייערע מיטמענשען מערדערליך צו באַפאַלען
צו רייסען אונזער פלייש ווי עכטע קאַניבאַלען?

ווי קענט איהר צוקוקען ווי א באַנדע פיראטען
מאַטערען א יתום, אָהן א מאַמען, אָהן אַ טאַטען?
עס איז צייט, אז איהר מענשליכע קריסטען
זאָלט ניט דערלאָזען די היטלערס אייערע מיטמענשען
צו פאַרוויסטען!

צו איך, רשעים, זאָג איך: לעכערליך איז דער זיג
פון אַן עלעפאַנט וואָס צעדריקט א פליג!

א נשמה יתרה

איך וואלט געוואלט זיין א נשמה יתרה,
וואס קומט שבת צו אידען צו גאסט;
ס'איז א תענוג צו פארברענגען אין תורה —
איין מאָל א וואך איז מען נישט א לאסט.

אך, ווי גוט ס'איז דער נשמה יתרה!
זי קומט אריין פריי אין יעדער היים;
זי האָט פאר דעם בעל הבית קיין מורא,
זי קומט און געהט אוועק אין געהיים.

אך, ווי וואויל איז דער נשמה יתרה!
זי האָט קיין שרעק פאר דער געסטאפּע;
זי האַנדעלט אונגעשטערט מיט איהר סחורה,
און לאכט זיך אויס פון דער גויאישער לאפּע.

ווי גוט וואלט געווען אונז אידען,
ווען מיר ווערען פערוואנדעלט אין א נשמה יתרה;
מיר וואלטען געלעבט אין פרידען
אפילו ביי היטלער'ן, אָהן שרעק, אָהן מורא.

נסים

איך בין קיין אפיקורוס — חלילה,
איך בין א פשוט'ער איד;
וואס איז פון לעבען מיעד;
בין אָבער ציניש, און צווייפעל די מגילה:

עס האָט פאסירט א מאָל א נס,
אידען זיינען נצול געווארען פון יסורים,
און דערפאר לויבען מיר דעם אבי היצורים;
אלס ציניקער פרעג איך: „איז עס אמת?"

אָט קומט באלד פסח — א נס, ווידער,
האָט געטראפען, אידען זיינען געווארען פריי,
האָבען גענעבען פרעה'ן אין צורה א שפיי,
און דעריבער זינגען מיר פיעלע לידער.

חנוכה איז נאָך א יום טוב מיט א נס,
א הייפעלע אידען האָבען געזיגט אין א שלאכט
איבער א שונא פון ריזיגער מאַכט —
אויפגעלעבט ווידער האָט ישראל דער מת.

אידישע ארכיווען דערציילען פלאי־פלאים,
בכל דור ודור האָט גאָט זיין קראַפט באוויזען,
פארניכטעט טיראנען, געבראָכען זייערע קאַפריזען,
פרעג איך: ווארום דולדעט ער היינטיגע רשעים?

איך בין פארצווייפעלט, וואו איך געה און שטיי
הער איך ווי מען פייניגט אונזער פאָלק;
ס׳דוכט זיך די וועלט פיהרט זיך אָהן אַ טאָלק;
איך ווער משוגע פון מיינע ברידערס וועה געשריי.

איך לעהן ווי מען שעכט זיי אין יעדען לאנד,
צרות פון אלע זייטען,
ערגער פון אלע צייטען,
און איך פרעג: „וואו איז גאָט׳ס האַנד?"

פאר וואס פאסירט נישט א נס פאר מיינע אויגען?
מיר זיינען נישט ערגער פון אנדערע דורות;
מיר האָבען געגנוג פיינע אידען, ריין פון עבירות,
נסים! נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!

און א שטימע זאָגט צו מיר: „בן אדם דו ביזט בלינד“,
ווען נישט גאָט׳ס נסים איצט און זיין השגחה,
וואלט קיין זכר געבליבען פון אונזער משפחה;
ווער עס גלויבט נישט באגייט א זינד.

און ערוואכט האָט אין מיר דער איד,
ווען נישט גאָט׳ס נסים איצט און זיין השגחה —
גלויבען אין א השגחה פון אויבען;
אידען צווייפלער זיינען פון לעבען מיעד.

קשיות פון א שאינו יודע לשאול

עס גיסט נאָך אלץ אידיש בלוט אין יעדער לאנד,
זייער לאגע ווערט שרעקליכער מיט יעדער מינוט;
הפקר איז זייער לעבען און גוט,
זייערע יסורים רויבען מיין פערשטאַנד.

טייכען פול מיט טרערען פון אנגסט און פיין,
אין יעדער הויז מתים, דערוואַרגען פון מערדערס הענט;
אלמנות, יתומים ווי שאָטענס שארען זיך ארום ווענט,
נישטאָ וואוהין צו לויפען, מען לאָזט ערגעץ נישט אריין!

אפשר בין איך משוגע אדער גלאט א נאר, א גולם,
עס ווילט זיך שטעלען פיעלע פראגען;
איך וויל זאָגאר ברענגען קלאגען
צום סאמע כסא הכבוד, צום רבונו של עולם.

ווען איך וואלט נישט געווען א נאר, א גולם,
ווען איך וואָלט ביי זיך נישט געווען אזוי געפאלען,
ווען איך בין נישט ארומגערינגעלט פון קאניבאַלען,
וואלט איך געהאַט א וכוח מיט'ן צולם.

איך וויל מען זאָל מיר געבען צו פארשטיין
פאר וואס איז דאס, זייט אונזערס א קינד
האָט די וועלט געוואלט אויסלייזען פון זינד
זיינען זיינע נאָכפאָלגער געווארען זינדיג אליין.

איך וויל מען זאָל מיר זאגען פאר וואס אזא צאָרען
פון די וואס גלויבען אין דעם זעלבען גאָט
מיט אלע אונזערע צעהן געבאָט,
פאר וואס האָבען זיי אונז פיינט ווי א שטעכיגען דארן?

די יעניגע וועלכע האָבען אנגענומען א רעליגיאן
וואס פרעדיגט ברידערליכקייט, פרידען
און צווישען מענשען נישט צו אונטערשידען,
פאר וואס איבערקערען וואס זייער משיח האָט געהייסען טהאָן?

איז עס נאַטירליך פאַר קינדער עלטערן צו האסען,
אָדער זייערע קרובים צו פאַרפאָלגען ביז׳ן טויט,
נישט צו פארגינען זיי דאָס שטיקעל ברויט,
און קלאסיפיצירען זיי צווישען די נידעריגע ראסען?

מיר זיינען אלע בעשאַפען אין איין געשטאַלט,
אין אונזערע אדערען פליסט דאס זעלבע בלוט,
מיר האָבען די זעלבע אייגענשאַפטען, שלעכט אָדער גוט,
פאר וואס געברויכט מען געגען אונז געוואלט.

גאָט האָט בעשאפען א גרויסע שעהנע וועלט,
גענוג פלאץ פאר אלע זיינע קינדער,
גענוג ברויט, פרוכט און רינדער
קיין זאך האָט ער נישט פארפעהלט.

זיי האָבען פערכאַפט און באַהערשט אלעס
גרויס אין צאהל, פארשכורט מיט מאַכט,
ווי נמרוד א לוסט צו בלוט און שלאכט,
אבער וואס האָבען מיר? — עלענד און דלות.

זיי באהערשען די ים׳ען און די ערד,
אלע אוצרות פון אונטען און אויבען;
אונז פארגינט מען נישט אפילו דעם גלויבען
מען דריקט אונז מיט האַס און שווערד.

מיר ווילען נישט די ערד, נישט די ים׳ען,
מיר ווילען בלויז ברידערליכקייט, שלום;
אזוי ווי די נביאים האָבען געהאַט א חלום,
מיר ווילען לעבען אין פרידען ווי קינדער פון איין מאַמען.

איך בעט די פעלקער געבען אן ענטפער דעם גולם,
זאגט מיר פאר וואס איהר רודפט קינדער פון איין פאָטער,
וואס וועט איהר געווינען ווען איהר ווערט פון אונז פטור?
ענטפערט מיר, איהר נאָכפאָלגער פון צולם!

פאר וואס שטראָפט איהר אונז מיט א בלוטיגען היטלער ?
אויב אונזער שיקזאל איז אויסגעמעקט צו ווערען פון דער וועלט
טויט אונז, אָ, גאָט, דורך פייער, וואסער, היץ, קעלט,
אבער באלײדיג נישט דײנע קינדער דורך אזא אומרײנעם פאר־
מיטלער!

אונזערע וואָפען

אידען, איצט איז ניט די צייט צו קלאָגען
ניט צו טרויערען, צייט איז טייער!
מיר מוזען דעם יאוש פון אונז פאַריאָגען,
אויסלעשען דאָס העלישע פייער.

מיר מוזען מלחמה האלטען — ניט מיט הארמאטען,
נאָר מיט מוט פאר אונזער רעכט!
אידען גלויבען ניט אין גוואלדטהאטען,
אין באַהאַנדלען יענעם שלעכט.

אונזער געוועהר איז אמת, האָפנונג און מוט,
אונזער כח — פאר ציון אונזער מוטער,
אונזער אלעס ביז׳ן לעצטען טראָפען בלוט,
ניט אייביג שוויגען וועט גאָט דער גוטער.

גאָט האָט אונז ארץ ישראל געגעבען,
ענגלאַנד האָט מיט אונז אַ קאָנטראַקט געמאַכט ;
מיר, אידען, וועלען אונזערע לעבענס געבען
אין קאַמף געגען רויב און מאַכט.

דער דריטער חורבן

אידען פון דער גאנצער וועלט רייסט קריעה
אויף אייער נייעם בראָך!
אוועק אין רויך איז דער חלום פון א דריטער עליה —
פון בייגעל געבליבען איז דער לאָך.

אידען פון אלע עקען פון דער וועלט
טהוט אן זעק אויף די קעפּ! גרויס און קליין,
סיי ארים סיי וועלכע האָבען א סך געלט
לאָמיר שפּאַלטען די הימלען מיט אונזער געוויין!

דער דריטער חורבן — גרעסער פון די ערשטע צוויי,
ווער קען עס שרייבען אן איכה א נייע?
ווער קען עס אין ווערטער מאָהלען אונזער וועה!
מיר ווערען פערצוקט פון א שרעקליכער חיה.

אין די ערשטע צוויי חורבנות
האָט מען אונז פאר שקלאפען געמאכט;
מיר האָבען געליטען צרות, בזיונות —
אבער מיר האָבען געפירט א שלאכט.

מיר זיינען געפאלען ווי העלדען אין מלחמה
פאר אונזער היים און לאנד;
מיר האָבען געקעמפט מיט מוט, מיט נקמה
דעם פיינט געמאַכט צו שאַנד.

מיר האָבען פארלאָרען אבער זיי האָבען באַצאהלט טהייער,
זייער בלוט האָט ווי וואסער געגאסען;
מיר האָבען פארניכטעט אלץ מיט׳ן פייער,
פון אונזער גוט האָבען זיי ווייניג גענאָסען.

ווען מען האָט אונז אין שקלאפעריי אוועקגעטראָגען,
האָבען מיר געהאַט א געלעגער און שפיז;
(היימען אזעלכע זאָלען אונזערע שונאים פארמאָגען)
מיר האָבען זיך נישט בעדארפט בעהאַלטען ווי מייז.

מיר האָבען געוואנדערט מיט געשוואָלענע גלידער
איבער אלע וועלט טיילען,
פון סמבטיון ביז פוילען
אונזער באגאזש — תפילין און א סדור.

מיר האָבען געקלאָפּט אין די טויערען פון יעדער לאנד
מאַנכע האָבען אונז געהייסען געהן ווייטער,
די מעהרסטע האָבען דערלאנגט א פריינדליכע האנד
מיר זיינען געווען פריי צו ווערען באַנקירען, ארבייטער.

מען האָט אונז אין גהעטאָס פארשלאָסען,
אבער אונזער תורה האָט מען רעספּעקטירט;
ווען מען האָט די טויערען אויפגעשלאָסען
האָבען מיר אונזער פארמעגען ארויסגעפיהרט.

אין דריטען חורבן וואס פּאסירט יעצט,
האָט מען אונז באַשווינדעלט, פעררעטען;
מען האָט הייליגע אָפּמאַכען פארלעצט,
אונזער האָפנונג צעשמעטערט מיט האַרמאָטען.

שוואכזיניגע, קארליקעס־שטאַטסלייט
האָבען געבראַכען דעם אָפּמאַך פון א גרויסער נאַציאָן,
איצט — אין אזא ביטערער צייט,
רויבט מען אוועק אונזער היים און פאָהן.

מיר האָבען געקעמפט מיט די עלאיס פאר ענגלאנד,
אויף די ברענענדיגע פעלדער פון ארץ ישראל;
מיט אונזער בלוט האָבען מיר אויסגעלייזט דאָס הימלאנד,
פון די הענד פון דעם ווילדען ישמעאל.

מיר האָבען געבויט שטעדט, געטרוקענט זומפען,
געהאַקט שטיינער, געפלאסטערט בייע וועגען,
אויסגערייניגט דעם שמוץ, אפגעוואשען דיא לומפען,
בעוואסערט די פעלדער מיט שווייס — ניט רעגען.

מיר האָבען אויסגעבויט אן אוניווערסיטעט
צו לערנען וויסענשאפט, תורה
מיר האָבען געהאָפט מיט א ציטער און געבעט
צו לעבען אין שלום אָהן קריג, אָהן מורא.

מיר האָבען אָפּגעווישט די טרערען
פון אונזער פארוויינטער היים,
די אראבער האָבען געהאַלטען אין צושטערען
אלץ, ס'איז נישט געבליבען אן איינציגער בוים.

מיר האָבען געפלאנצט וועלדער, גרינסען, בלומען,
די וועלט האָט באַוואונדערט אונזער מוט;
חלוצים, אלט און יונג, זיינען געקומען
מיט אידעאל, האָפנונג און פריש בלוט.

איצט, נאָך אזוי פיעל יאהרען פון ארבייט און שווייס,
פערמאַכט מען פאר אונז די טויערן פון אונזער לאנד;
איצט, ווען די אַנטיסעמיטישע חיה איז אויסגעוואקסען אזוי גרויס —
ווען עס הערשט דער טיראַן מיט איין אייזערנער האַנד.

איצט, ווען מען לאָזט אונז ערגעץ נישט אריין,
ווען פון האַלב אייראָפּע טרייבט מען אונז ארויס;
וואס וועט פון אונז ווערען, וואס וועט זיין,
מענשען, העלפט אונז, טראַכט עפּעס אויס!

פעלקער! איהר זייט געווען עדות צום אָפּמאַך מיט ענגלאנד,
אז ארץ ישראל זאָל זיין אונזער אייביג היימלאנד;
ווי קענט איהר דערלאָזען אזא פארברעכען געגען אומשולדיגע מענשען?
העלפט אונז — אידען פון דער גאנצער וועלט וועלען אייך אייביג בענשען!

ווען ווייס איז שוואַרץ

ענגלאַנד, דו גרויסע מעכטיגע מדינה,
האָסט אונז אידען זייער מיאוס אפגענארט;
די, וועלכע פארעהרען דיך ווי די שכינה,
בעהאַנדעלסט דו זעהר געמיין און הארט.

ווען דו ביזט געווען צוגעשפּאַרט צו דער וואנט,
האָסטו אונזער הילף פארלאַנגט;
מיר האָבען דיר אויסגעשטרעקט אונזער האנד,
מארך, בלוט און געלד, האָבען מיר גערן דערלאנגט.

מיט אונזער הילף ביזטו ארויס זיעגער,
ביזט מאַטעריעליש געווארען די גרעסטע מאַכט;
אבער גייסטיג ביזטו געווארען א טיגער,
פון דיינע פארשפּרעכענס האָסטו זיך אויסגעלאכט.

האָסט געזוכט אונזער סימפּאַטיע ווען ביזט געווען שוואַך,
און דו האסט געוואונען די מלחמה;
אָבער טראָץ דיין זיעג האָסטו פאַרלאָרען זעהר א סאך,
פאַרלאָרען האָסטו דיין איידעלע נשמה.

מיר האָפּען אויך איצט ווערסטו ארויס דער זיעגער,
מיר האָבען דיין פאָלק שטענדיג געליבט און פאַרגעטערט;
אבער געשיכטע איבערצייגט אז בעטריגער
ווערען צום סוף אליין צעשמעטערט.

דיין ווייסער פּאַפּיר איז שמוציג און שוואַרץ,
דו האָסט דיין עהרע געמאכט צו שפּאָט;
האָסט געבראָכען דיין קאָנטראַקט און דאָס אידישע האַרץ,
אָבער קענסט נישט ברעכען אונזער האָפנונג און קאָנטראַקט
מיט גאָט.

העלפט אונזערע ברידער!

אידען פון אמעריקא ערוואכט,
אידען פון איבעראל בעטראכט
די לאגע פון אונזערע שוועסטער, ברידער,
וואָס וואנדערען ארום מיט געשוואָלענע גלידער;

וואס אנטלויפען פון איין ארט צום צווייטען
פון בעסטיעס וואס דראהען צו טויטען,
אהן א פארוואס, אהן א פארוועז
ווי ווערים זיי וואלטען געוועזן.

א גאנצע קהלה פון מיליאנען
ארום פוילען אין יענע ראיאנען,
וואַלגערען זיך ווי הינט
אויסגעשטעלט צום שטורעם ווינד,

צו אלע נאַטור׳ס בייזע קאַפּריזען,
צו די מערדערישע גערמאַנישע ריזען;
אין דעם לאנד וואס איז אמאָל געווען פּוילען
ווי שרצים בעהאַלטען זיי זיך אין הוילען;

נישטאָ וואו צו ליגען ביי נאַכט
פארהונגערט און פארשמאַכט
אין טאָלען, בערג, אין בלאָטע און קייט —
הרוגים וואו מען שטעהט און געהט.

ווי ווילדע חיות
באַגראָבען אָהן לויות,
אידען ווי קענט איהר לאכען
באַנקעטען און שמחות מאכען?

ווי קענט איהר זינגען
ווען מיט אייזערנע ריגנען
זיינען אייערע אייגענע איינגעשלאָסען
מיט הערצער פון בלוט פארגאָסען?

ווי קענט איהר בלויז וועגען זיך טראכטען
ווען אייערע גלויבענס־גענאָסען שמאַכטען,
ווי קענט איהר אויף א רגע פארגעסען
די וואס האָבען נישט וואס צו עסען?

צו קאָנט איהר, אידען, פון פרייע מלוכות
פארשטיין מיט אייערע מוחות
דעם אומגליק וואס האָט זיי בעפאלען
דורך מערדער און קאַניבאַלען?

דורך דעם גרעסטען טיראַן זייט די וועלט איז בעשאפען,
אַן אויסגאָס פון קללות פון דער תוכחה און מעהר,
צו בעשרייבען און צו פארשטיין איז שווער
א טייפעל וואס וויל אלעמען פארשקלאפען.

פון זייערע היימען פארטריבען,
פון זייער פארמעגען קיין זכר פארבליבען,
אלע הייליגע פלעצער חרוב געמאַכט,
אלעס צעראבירט ווי אין א שלאַכט.

אין דעם דאָזיגען גיהנם איז ער דער בעל הבית,
ער שענדט, ברענט, שעכט אהן א פארוואס;
מיט זיין פארשאָלטענעם אָטעם האָלט ער הייס די קוילען
פון דעם ברענענדיגען גיהנם אין דייטשלאנד און פוילען.

א מאָל אז מען האָט פארברענט א שול, א ספר תורה
האט די וועלט אויפגעטרייסעלט פון מורא;
ווען מען האָט א מאָל אידען געברענט
אויפ׳ן עשאפאָט, האָבען די ווענט

פון דער גאנצער וועלט, אפילו פון גוים,
געציטערט, געלארעמט האָבען זיי אויף זייערע רשעים,
מען האָט פראָטעסטירט, מען האָט געגעבען לאנד,
די פארפאָלגטע אויסגעשטרעקט א וואָרימע האַנד.

אָבער היינטיגע צייטען
שטייען אלע פון דער ווייטען,
אפילו אידען העלפען בלויז מיט א טרער,
אַמאָל מיט אַ פּאָר טאָלער, ניט מעהר.

די קריסטען זיינען אין גאנצען שטום
און קוקען זאגאר מיט האס, קרום,
ווען דאס אומגליקליכע פאָלק אפעלירט צו זיי
מיט אַנגסט און א פערצווייפלונגס־געשריי,

צו מציל זיין זיי פון דעם משוגענעם דייטש
וואס שמייסט מיט אן אייזערנער בייטש,
אפילו די גוים וועלכע גיבען אונז קאָמפּלימענטען א סאך,
אין איצטיגער עת צרה, האָט ביי זיי אָפּגענומען די שפּראך.

איהר זעהט קלאָר וויפיל די וועלט קימערט פאר אייך
זייט היטלער איז געווארען הערשער פון דריטען רייך,
און די אידען פארפאלגט מיט זיינע סאדיסטישע גרוילטאָטען
און בלוטיגט זיי צום טויט דורך גוואלדטאָטען.

און דאָך האָט קיין איין מלוכה אין דער וועלט
באַציהונגען אָפּגעבראָכען אדער פאָדערונגען געשטעלט
צו די באַרבאַרישע האטענטאָטען
זייערע שרעקליכע מעשים צו פארבאָטען.

אפשר זיינען זיי גאָר צופרידען
וואס מען פארטיליגט די אידען,
אבער ווען מען האָט די פאליאקען פארטריבען פון זייער היים
האָט דאָס פארדראָסען דעם הייליגען טאַטען אין רוים.

איהר מעגט זיין זיכער אז אלע מיליאנען קאַטאָליקען
וועלען געפינען א וועג דעם אשמדי צו דערשטיקען;
ווען דער פויבסט אין רוים גיט א קרעכץ אדער א ברום
ווערט אפילו היטלער דער באַרבאַר שטום.

צו ראטעווען פוילען און איהר אנטיסעמיטישע נשמה,
האָבען פראנקרייך און ענגלאנד ערקלערט מלחמה;
ווען דער רויטער בער איז בעפאלען פינלאנד
האָבען אלע אויפגעהויבען זייער שטים און האנד.

אלע שיקען געוועהר, געלד, א ווירקליכער געדראנג
צו העלפען דאס העלדישע מלוכה'לע פון אונטערגאנג;
אבער וואס איז שייך דער אומגליקליכער אידישער נאַציאָן
וויל קיינער גאָרנישט טהון, עס געהט קיינעם נישט אָן.

איך בין פארצווייפעלט, איך פארגיס בלוטיגע טרערן,
איך פארשטיי נישט, איך וויל מען זאָל מיר ערקלערן
פאר וואס שווייגט די גאנצע וועלט, צו וואס האָבען פארקער
מיט מענשען וואס עסען מענשליך פלייש ווי דער בער?

פאר וואס האַנדלען ציוויליזירטע לענדער
מיט פּאָגראָמשציקעס, מיט שענדער —
מיט חיות וואס טרינקען מענשליך בלוט
וואָס האָבען צעפלינדעדט אידיש האָב און גוט?

מלחמה ערקלערען וואלט געווען פארשפּאָרט,
ארמייען שיקען וואלט מען נישט בעדארפט דארט,
שטעדט און דערפער וואלטען נישט חרוב געווארען,
מיליאָנען לעבענס וואָלטען נישט געגאנגען פארלאָרען
אוצרות געלד וואלט מען געקענט איינשפּאָרען.

צו פארקויפען זיי שפּייז און אנדערע סחורה
איז א פארברעכען, אן עברה;
אויסהונגערען זיי ווי די ווילדע הינט
וואלט זיי אויסגעניכטערט גיך און געשווינד.

איך פרעג, איז עס רעכט אז א גאנצע וועלט
זאל פארקויפען איהר נשמה פאר געלד?
אָבער דער פאַקט איז אז זיי טוהען דאָס דאָך
צו אונזער גרויס אומגליק און גרויסען בראָך.

אמעריקאַנער אידען, איצט איז נישט די צייט פאר קאַטאָוועס,
עס קעניגט היינט איבער אלעמען און אלץ דער מלאך המות;
אונזערע ברידער בעטען ביי אונז נדבות,
זיי זיינען גלייכע יחסנים מיט אונז, שטאַמען פון די זעלבע אבות.

אויף אונז ליגט אן אחריות, א הייליגער חוב
מיר זיינען געבענשט מיט פרייהייט און געלד לרוב,
מיר מוזען עפענען אונזערע הערצער און באנק־ביכער,
אונזערע ברידער זיינען ערגעץ נישט זיכער.

גאָט ווייסט פון וואנען עס קען קומען א וויכער
און וועט אונז בעהאַנדלען ווי שמאטע טיכער;
באַנקראָט איז ציוויליזאציע,
מען לאכט פון רעליגיע.

געשטאָרבען איז מענשליכקייט; רחמנות
יושר און אמת זיינען געבליבען אלמנות;
די נשמה זיצט שבעה ווייל איהר בעסטע קינד,
דאָס הארץ, איז אוועק אויף וועגען פון זינד.

די ערד מיט רויב חיות איז אנגעפילט,
דער הימעל איז אין שווארצען איינגעהילט;
עס הערט זיך דאָס ווילדע וואָיען פון מענשליכע שאקאלען,
ברוינע שדים שעכטען מיט זייערע בלוטיגע קינזשאַלען.

אידען וועלכע זיינען געווען בעלי־בתים אקארשט,
גייען איוס פון הונגער און דאָרשט;
עופ׳עלעך און ערוואַקסענע ווערען פערפרוירען פון קעלט
אהן היימען, אהן קליידער, אהן עסען, אהן געלד.

וואס וועט פון זיי ווערען,
ווער קאָן דאָס ערקלערען?
זייער היים און לאנד צווינגט מען זיי צו פארלאָזען,
און אנדערש וואו וויל מען זיי נישט אריינלאָזען.

אויב מיר, די געבענשטע אידען, זיינען נישט גרייט
זיי צו העלפען אין זייער ביטערער נויט
מיט א היים און א שטיקעל טרוקען ברויט,
דאן דער איינציגער אויסלייז פאר זיי איז דער טויט.

א רוף צו שרייבער

איך וועל אייך מחילה בעטען
איהר שרייבער, איהר פּאָעטען;
א סוד זאָל דאָס בלייבען,
מיר געפעלט נישט אייער שרייבען.

איהר שרייבט, איהר זינגט
איהר טאראבאַנעט, איהר קלינגט;
אבער אייער שרייבען איז פול מיט שימעל,
אָהן טעם — ווי שנאפּס אהן קימעל.

ווי א גענעראל אהן עפּאָלעטען,
ווי אן אָפּגעלעבטע סוברעטען,
איהר געברויכט א מיסטישע שפּראך —
זעלטען ווען צו דער זאך.

איהר שרייבט מעשיות, קופּלעטען,
ליגענדיג אין אייערע בעטען;
ס׳איז אן עברה צו פארשווענדען טינט
און טרחה אויף רויך, אויף ווינט.

סאיז קיין נייעס,
אז שניי איז ווייס;
אלע ווייסען אז בלומען זיינען שיין,
אז מלאכים זיינען פון עבירות ריין.

אלע ווייסען אז ליעבע איז ווי אייזען שטאַרק,
אז פארליבטע פאַרלעך זיצען אין פּאַרק.
אין א צייט ווען די וועלט ברענט,
ווען מענשען האָבען פאַרבלוטיגטע הענד,

ווען עטליכע משוגעים פיהרען די גרענדע
און הולטייעווען ווי יענטע טעלעבענדע,
ווען די שוצלאָזע ווערען משוגע פון פיין
נישט וויסענדיג וואס דער סוף וועט זיין,

אין אזא צייט צו שרייבען וועגען נארישקייט,
איז אן עולה פאר גאָט און לייט;
ווען איך וואלט געווען א שרייבער מיט טאַלאנט
וואלט איך געווידמעט מיין פען און האנט

צו מאַכען אויף דער וועלט א טאָלק;
איך וואלט גערעדט צום פאָלק
אין קלאָרע דבורים, מיט באַקציין,
אין א שפראך אפילו א קינד זאָל פארשטיין.

איך וואלט זיי געזאָגט, אז מענשען מוזען צוזאמען
לעבען אין פרידען ווי קינדער פון איין מאַמען,
און אלע מיר זיינען גלייך
שוואַרץ, ווייס, אָרים און רייך.

אז אידען און קריסטען זיינען דאָך ברידער
בעשאַפען אין איין פאָרעם, די זעלבע גלידער,
דאָס זעלבע פלייש און בלוט,
מיט די זעלבע רעכט אויף גאָט׳ס גוט.

אז אלע פעלקער גלויבען אין דעם זעלבען גאָט,
אין די פּרינציפּען פון די צעהן געבאָט;
איך וואלט די פארפירטע מענשען ערקלערט
מיט פאקטען, מיט שכל, נישט מיט'ן שווערד.

איך וואלט געשריען מיט דער שטימע פון א לייב
וועגען די עולות, די פארברעכענס און רויב
וואס טיראנען באגייען געגען די שוואכע
אהן א פארשטענדליכע אורזאכע.

איך וואלט געשריבען ביז די מענשען וואלטען פארשטאַנען
אז די דיקטאַטאָרס זיינען איינפאכע טיראנען
וואס באַצוועקען צו ברעכען אלעמענס ווילען,
זייערע סאדיסטישע נייגונגען צו שטילען.

זיי רייצען איין מענש געגען צווייטען
אום צו שמידען אלעמען אין קייטען,
אום צו האַלטען אלעמען אין שרעק
צוליעב זייער פּערזענליכען צוועק.

אלע מוזען פארשטיין, אז קיין לאנד איז גליקליך
ווען די איינוואוינער זיינען צעריסען אויף שטיקלאך;
קיין לאנד איזווירקליך רוהיג און צופרידען
ווען מען אונטערשייד צווישען קריסט און אידען.

געוואלד שרייבער, שרייבט מיט אלע כוחות
שלאָפט נישט, באַנוצט אייערע מוחות,
לאָמיר אלע שרייבען, שרייען צוזאמען
צו ראטעווען די וועלט פון פלאמען!

ווי קענט איהר זינגען וועגען דער לבנה
ווען מיר זיינען אין גרויס סכנה?
שווארצע כוחות האָבען פארכאַפּט די מאַכט
אמת׳ע טייוואָלים, אשמדאים, נישט דאָ געדאכט.

זיי הערשען אהן רחמנות ווי ווילדע חיות,
און די מענשהייט קלאָגט אויף די מיליאנען לויות;
זיי ווילען אפילו בערויבען
אונזערע אידעאלען און גלויבען.

אָ, גאָט, וואָס וועט זיין דער סוף,
פאר וואס קומט אונז אזא שטראָף?
מען זאָגט, אז די פּען איז שטאַרקער פון שווערד,
שרייבען איז די גרעסטע מתנה אויף דער ערד.

אלזאָ שרייבער איצט איז די צייט צו נוצען גאָט׳ס מתנה,
צו ראטעווען זיינע קינדער אין דער שרעקליכער סכנה;
ווייזט אייער העלדישקייט אין דער הייליגער שלאכט,
און צייגט אז איהר זייט א גרעסערע מאַכט.

זאָל מען זעהען אז אמת איז שטאַרקער פון ליגען,
אמת מארץ תצמח, אמת מוז זיגען;
זאָלען די רשעים וויסען אז נישט מיט פייער און שווערד
קען מען אויף שטענדיג פערשקלאַפען מענשען ווי פערד.

לאָמיר מיט אונזערע ווערטער עפענען די אויגען
די וועמענס ראיה איז מיט א בעלמא פארצויגען;
אונזערע ווערטער וועלען געבען מוט
צו די וועלכע קושען יעצט דעם רוט.

זאָלען אונזערע ווערטער זיין אונזער געוועהר ;
קלארע ווערטער, אמת, שכל און א טרער
וועלען געווינען אונזער שלאכט
געגען דער ברוטאַלסטער מאַכט.

דאָס פאָלק לאָזט זיך זעהר אָפט פארפירען
פון פאלשע געטער וואס עקספּלואטירען
זייער אָרימקייט און געוויסען פאַר פּערזענליכע צוועקען,
אָבער מען קען לייכט זייער געוויסען ערוועקען,
ווען מען ערקלערט זיי מיט קלאָרען פערשטאַנד
אז דיקטאַטאָרס זיינען אן אומגליק פאר יעדער לאנד ;

עס וועט נאָך אמאָל א צייט קומען
ווען מיר אלע וועלען וועגען בלומען
ווידער זינגען צום באַשעפער, פאר דער לבנה
די זון, די שטערן אלס זיין מתנה ;

מיר וועלען ווידער לאכען
און זינגען אויף אַלע שפּראַכען,
אלע מענשען וועלען ווידער
פיהלען ווי אמת'ע ברידער.

איהר שרייבער, פון יעדער לאנד און שפּראַך,
מוזט שטענדיג זיין אויף דער וואך,
צו באַשיצען די מענשהייט פון ווערען שקלאפען
גאָט האָט אייך צוליב דעם צוועק בעשאַפען.

א באַנקעט פאַר טייוואָלים

ווי א קינד פון אידיש פאָלק בין איך געגען נקמה,
פריינדשאפט וואלט איך געצייגט אפילו היטלער׳ן און גאבבעל;
די קאניבאַלען וועלכע לעבען פון מענשליך פלייש און מלחמה
וואלט איך א באַנקעט געגעבען פון חריין און קנאָבעל.

צו דער שמחה וואלט איך געלאדען אלע וואס ווילען אונז פאר־
ניכטען,
איך וואלט זיי סערווירט בראטען פון זייערע מענשליכע קרבנות,
און א סוף, צוגעגרייט פון בלוט און טרערען, א געדיכטען,
אויף פערבייסען — א קאָמפאָט פון קללות פון יתומים און אלמנות.

איך וואלט אויך געלאדען דעם טיראנישען הערר גערינג,
אויך איהם קומט אויסצושטרעקען א פריינדליכע האַנד;
איך וואלט זיי סערווירט אידישע מאכלים — ציבעלע, הערינג,
א גולאש פון אידישע פיין און וועה אין יעדען לאַנד.

דעם הערינג וואלט איך אין אידישע טרערען געמארינירט,
א פאמפערניקעל פון צרות און יסורים געקנאָטען;
אנשטאט וויין — בלוט פון זייערע קרבנות זיי טראקטירט,
א קוגעל פון לעבענס וואָס זיי האָבען צעטראָטען.

איך וואלט זיי מיט אַ נייעם סאָרט מוזיק און געזאנג אמוזירט,
מוזיק וואָס בלויז דייטשען אליין קענען שאַפען;
א קאַפעלע מוזיקאַנטען פון א משוגענעם מערדער דיריגירט,
א האַרמאָני פון קלאַנגען געשריבען מיט מערדערישע וואפען;

א כאָר זינגער פון שטימען מיליאנען,
אנגסט־נגונים פון מענשען פארמשפט צום טויט,
א ווידער־קול פון פייער און קאַנאָנען,
א כאָרכלען פון נשמות וואס גוססען פון שמערץ און נויט.

פאר אזעלכע ערהאבענע געסט וואלט איך די טישען געגרייט
מיט כלים ווי עס פאסט פאר ריכטיגע קאַניבאַלען,
געשיר פון די ביינער פון מענשען זיי האָבען געטויט
מיט זייערע מערדערישע הענד און קינזשאלען.

יום טוב לידער

פורים

אידען האָבען דערלעבט נאָך אַ פורים,
דאָס אייביגע פאָלק לייענט ווידער די מגילה;
דאָס אידענטום לעבט דורך אַ שרעקליכען שטורם
עס איז טרויעריג אויפ׳ן האַרצען ווי פאר נעילה.

הונדערטער מגילות זיינען ניט אימשטאַנד
צו מאָלען דעם יאָמער־טאָל פון אונזער דור;
זינט היטלער האָט די מאַכט אין זיין האנד
הענגט אלעמענס לעבען אויף אַ האָר.

המן הרשע איז געווען אַ לעמעלע אַ שטילע,
זיינע גרויזאמקייטען ווי אַ דינער וואָלקען,
אין פאַרגלייך מיט היטלער פון היינטיגער מגילה
און די מערדעריי פון זיינע געסטאַפּאָ פאָלקען.

אָבער אין דעם פּורים פון היינטיגער צייט
פון ציוויליזירטע באַנדיטען,
זעהט די וועלט די אַנדערע זייט
פון די אייביגע אַנטיסעמיטען.

יעצט ווערט פאר אלעמען אַנטפּלעקט,
אומזיסט געליטען האָבען אלע דורות;
שונאים האָבען זייער לומפּעריי פאַרדעקט,
אויף אונז ארויפגעלייגט זייערע עבירות.

אלע מענשען הויבען אָן פאַרשטעהן,
אַז אידען זיינען די פאַקעל־טרעגער פון ליכט;
אידען וועלען קיינמאָל ניט אונטערגעהן,
ווייל אמת ווערט שטענדיג אויפגעריכט.

מיר קענען יעצט האָפען, אַז אינגיכען
וועלען מיר פטור ווערען פון יסורים;
היטלער וועט האלז און נאקען ברעכען
און אידען וועלען פייערען נאָך א פּורים.

עס איז ניט קיין נאַרישער חלום,
אז טיראַנען וועלען ענדליך קריגען מפּלות,
אז די וועלט וועט האָבען שלום
און אידען וועלען פּטור ווערען פון גלות.

פּורים וועלען פייערען אלע מענשען,
אלע פעלקער וועלען לייענען די מגילה,
המן־טאשען וועלען ווערען אן אינטערנאַציאָנאַלע אכילה
אויף די קני וועלען רשעים אונז בעטען מחילה.

פורים

„ויהי בימי" און „בימים ההם",
הערט זיך ווידער אויף דער אידישער גאס;
א „ליהודים" אין יעדער היים,
מען מאַכט פון דעם טפּוש און המן שפּאַס.

אוועק נאָך א יאָהר, ווידער פּורים,
ווי שטענדיג מען לייענט די מגילה;
מען וויינט זיך אויס אויף די יסורים
און מען טהוט ווידער תפלה.

ווידער דערצעהלט מען גאָט'ס וואונדער
און עס ווערט פרעהליכער אויפ'ן האַרצען;
גאָט פארלאָזט ניט זיינע קינדער,
זייערע שונאים מאַכט ער א סוף א שווארצען.

יעדער דור ברייגגט א נייעם המן,
פרעה, אנטיוכוס, אלע מיט'ן זעלבען צוועק —
נאָר אונטער א נייעם נאָמען —
ווילען מאַכען צום אידישען פאָלק אן עק.

אָבער גאָט האָט זיין הילף געשיקט
אין דער ריכטיגער צייט;
ער האָט זיי מיט פאסיגע פיהרער באגליקט
און דאָס איז געווען דער נס פון זיין זייט.

א משה, א מרדכי האָט ער זיי געגעבען,
צו פיהרען זיי אויפ'ן גראדען וועג;
זיי האָבען געראַטעוועט דאָס אידיש לעבען
אין יענע ביטערע, פינסטערע טעג.

די אידישע צרות אין אונזער דור
זיינען ביטערער פון דעם טויט;
אידיש לעבען הענגט אויף א האָר,
אונמעגליך צו באַשרייבען אונזער נויט.

אונזערע טעג זיינען פינסטער גענוג,
מיר ווייסען ניט וואָס צו טהאָן;
גיב אונז גאָט א פיהרער זאָל זיין קלוג
און העלדיש צו טראָגען אונזער פאָהן.

אָה, גאָט! די צייט איז געקומען
צו טהון א נס, שיק אונז צו
א פיהרער. מיר האלטען ביים אומקומען!
אָה, גאָט! צו אונזער פיין הער זיך צו!

די פיער זיהן

דער חכם און דער נאַר,
דער רשע און דער אידיאט,
אלע שפירען גרויס געפאהר,
און זיי פרעגען ביי גאָט:

דער שעפער פון הימעל און ערד,
די זון און די לבנה,
דער שעפער פון מענשען און פערד —
וואָס איז געווען זיין כונה

ווען ער האָט זיינע פלענער געמאָלען
פאַר א וועלט פון בערג און טאָלען,
פון מענשען און טייוואָלים,
פון מלחמה און שלום?

די פיער זיהן
קענען נישט פארשטיין
דעם גאנצען זין
פון א יצירה וואס איז אזוי שעהן,
און דאָך איז עפּעס אזוי געמיין,
נידעריג און קליין.

דער חכם און דער אידיאט,
און די גאנצע וועלט
פרעגען ביים ליבען גאָט:
„מה זאת?" עפּעס פעהלט.

קיינער קען נישט גלויבען
אז אלץ וואס גאָט האָט געשאפען,
פון אונטען און פון אויבען,
זאָלען זיין ביי היטלער'ן שקלאפען.

אלע פיער בנים פרעגען: וואס איז דאס?
איז עס געווען גאָט׳ס צוועק
צו מאַכען היטלער׳ן פאר דעם באלעבאָס
און פון זיין יצירה ער זאָל מאַכען אן עק?!

נאָך פסח

ווידער א פסח געקומען און אוועק,
נאָך א יאהר איז פארלאפען,
טעג געדאגה׳ט, נעכט נישט געשלאָפען
און איך פרעג: וואס איז דער צוועק?

נאָך א שרעקליך יאהר פארשוואונדען,
א ווינטער א בייזער — שניי און קעלט,
מיט שוואַרצען באדעקט איז די וועלט,
א מענשהייט פול מיט וואונדען.

פארפלייצט מיט וואסער איז דאס לאנד,
א מבול ווי ס׳איז געשריבען אין דער תורה;
א פארפלייצונג פון אכזריות, ס׳כאַפּט אָן א מורא, —
די מענשהייט האָט פארלארען איהר פערשטאַנד.

עס לויפען די טעג, פליהען די יאהרען,
עס ווערט ערגער און ערגער פון מאָל צו מאָל;
געוואָרען איז די וועלט איין גרויסער יאָמער־טאָל
אה גאט, ביז וואנען וועט דויערן דיין צארן?

שווארצע שדים פארמיאוסען די יאהרען,
ברוטאַליטעט הערשט אויף דער ערד
מיט דער מאַכט פון שארפען שווערד
און סאָלדאַטסקע שפּאָרען.

פאר פרייהייט האָבען געקעמפט משה, וואשינגטאָן,
טויזענדער האָבען זייערע לעבענס געאָפּפערט פאַר'ן אידעאַל;
ליידער איז זייער מיה א טרויעריגער דורכפאל,
כוליגאנעס האָבען פערכאַפּט דעם אויבען אָן.

טויזענדער יאהרען זיינען אוועק
זייט משה האָט פרייהייט די אידען געגעבען,
דאך די פרעה'ס זיינען געבליבען לעבען
און די אידען זיינען שטענדיג אין שרעק.

אוועק נאָך א יאהר פון יאגעניש נאָך נעכטיגע טעג,
דער פריהלינג איז ווידער דאָ, די זון לאכט,
עס קומט דער טאָג דערנאָך די נאַכט
דור הולך ודור בא — דאָס איז גאָט׳ס וועג.

ווידער א פסח געקומען, א פסח אוועק,
דער פריהלינג איז דא די זון לאכט,
אבער באלד קומט די פינסטערע נאכט,
וואס איז דער צוועק?

נחמו עמי

ס׳האָט א גרויסער נביא אַמאָל געהאַט א געטליכען חלום,
ער האָט געזעהן אויף דער וועלט אין דער צוקונפט
אייביגען שלום . . .
ס׳וועלען אָוועקוואַרפען זייער געוועהר נאַציאָנען,
צעברעכען וועלען זיי זייערע קאַנאָנען.

פון זייערע ביקסען וועלען זיי מאַכען גראָב־אייזען,
אויף צו אַקערען די ערד, מענשען צו שפּייזען,
מילד וועט ווערען דער „צוויי פיסיגער טיגער״,
פריינדליך וועלען זיין דער ווייסער מיט דעם ניגער.

אלע מענשען וועלען זיין גלייך,
איד און קריסט, אָרעם און רייך.

* * *

ס׳האָט נאָך א הייליגער נביא פאָראויס געזעהן
א נס וועט אַמאָל געשעהן:
טרוקענע ביינער וועלען באַקומען ניי לעבען,
נשמות וועלען אין זיי ווידער שוועבען.

די ביינער תחית המתים וועלען אויפשטעהן,
פון איבעראַל וועלען זיי קומען צו געהן,
מיט מלאכים וועלען זיי פליהען אין קארעטען,
און פון די רשעים וועלען זיי אָפשפעטען.

גאָט האָט דורכ׳ן נביא די וועלט געלאָזט וויסען,
אז ניט אייביג וועט זיך אידיש בלוט גיסען,
אז דאָס פארפאָלגטע פאָלק ישראל וועט ווידער לעבען,
זיין שוץ וועט ער זיי אויף אייביג געבען.

דאן וועט אויך מקוים ווערען דער געטליכער חלום,
אַז אלע מענשליכע חיות וועלען לעבען אין אייביגען שלום.

אדם יסודו מעפר

די נשמה ווערט אין הימעל באַשאַפען,
דער גוף אויף דער ערד ווערט געבויט;
דערפאַר זיינען מענשען אויף דער ערד שקלאַפען,
ביז די נשמה ווערט באַפרייט פון טויט.

דער יצר־טוב איז דער נשמה׳ס קינד,
דער יצר־הרע — דעם גוף׳ס קרוב;
דערפאַר איז די מענשהייט פול מיט זינד,
און די נשמה ליגט חרוב...

ווען דער גוף וועט באַשאַפען ווערען אויבען,
און וועט בלייבען פאַרשלאָסען אין גן־עדן —
ערשט דעמאָלט וועל איך גלויבען,
אַז די מענשהייט ווערט פטור פון ליידען.

וצונו להדליק נר

„שעשה נסים לאבותינו בימים ההם בזמן הזה"
הערט זיך אין יעדער הויז, אין יעדער שול,
רעדלאָך אויף דער אידישער גאַס איך זעה,
אלע הייליגע פּלעצער זיינען פול.

אידען בענשען ווידער חנוכה־ליכט,
ס'איז א שמחה פאר איבער א וואך;
לעבעדיגער זעהט אויס דאס אידישע געזיכט
פאר וואס נישט — דער איד לעבט נאָך.

עס האָט פּאסירט א מאָל א גרויסער נס,
א הייפעל אידען האָבען געפירט א שלאכט;
דאָס פאָלק וואס איז געוועזען באלד א מת,
האָט ווידער אויפגעלעבט, ערוואכט.

אך, די דינענקע חנוכה ליכטעלעך,
וועלכע ברענען אזוי לוסטיג יעדער יאהר,
זיי דערציילען וואונדער געשיכטעלעך,
טהאַטען וואס פאסירען אין יעדער דור.

פאר לאנגע, לאנגע דורות,
האָבען די אידען געליטען שרעקליכע צרות;
שטענדיג בעשטראָפט פאר פרעמדע עבירות
פאר אלץ און אלע געווען די כפרות.

אבער מיר לעבען דאָך,
און יעדעס יאהר צינדען מיר נייע ליכט;
מיר טראָגען געדולדיג אונזער יאך,
צו באלייכטען די וועלט איז אונזער פליכט.

אלע אידען זיינען חשמונאים,
בזמן הזה לעבען מיר אויף נסים יעדע מינוט;
מיר קעמפען מיט די מאָדערנע רשעים,
דער נר תמיד איז באלויכטען מיט אונזער בלוט.

חנוכה

אידען פרעגען מיט וועהטאג אין הארצען
פארוואס מיר בענשען דאָס יאהר חנוכה־ליכט;
די וועלט איז דאָך איינגעהילט אין שווארצען,
די מענשהייט האָט פארלוירען דאָס גלייכגעוויכט.

זיי זאָגען פיעלע דורות האָבען מיר געווארט
אפשר וועט א נס פאסירען;
זיי האָבען אבער זיך אָפּגענארט,
מענשען וועלען ניט בעסער זיך אויפפיהרען.

זינט די וועלט איז באשאפען
איז ניט געוועזן אזוי שלעכט;
מיר זיינען ווידער מצרים־שקלאפען,
בארויבט פון יעדער רעכט.

יענע אידען זיינען בלינד,
זייערע מוחות זיינען צומישט;
זיי באגעהען געגען גאָט א זינד,
האָבען אויגען, אבער זעהען נישט.

מען קען זעהן גאנץ קלאָר,
אז מענשען באַצאָהלען טייער
אין די לעצטע עטליכע יאהר
פאר לאָזען אונז ברענען אויפ׳ן פייער.

זיי האָבען באדארפט וויסען,
אז ווער עס מאָרדעט א אידען
וועט אויך קריסטליך בלוט פארגיסען
זיין בלוט־דורשט שטעלען צופרידען.

פאר יעדען פון די אידישע קרבנות
ווערען איצט פיעלע קריסטען אומגעבראכט,
זיי מאָרדען איינער דעם אנדערען אהן רחמנות,
א גיהנם פון דער וועלט האָבען זיי געמאַכט.

אידען, ווען איהר וועט באַטראכטען גוט,
וועט איהר זעהן, גאָט האָט אונז ניט פארגעסען;
ברידער, פארלירט ניט אייער מוט,
אונזערע שונאים וועלען זיך אליין אויפפרעסען.

מענשען וועלען ענדליך פאַרשטעהן
ווען זיי באַהאַנדלען אידען געמיין,
טהוען זיי אָן אויף זייער האלז א שטיין
וואָס וועט פאַרניכטען זיי אליין.

זיי ווען זעהן אז אנטיסעמיטיזם איז בלויז אָנשטעל,
א מאַסקע און א מיטעל צו באַקומען מאַכט;
אידען, זאָלען אונזערע חנוכה־ליכט ברענען העל,
ניט פארצווייפעלט, ס׳וועט פאַראיבער די פינסטערע נאַכט.

א לעגענדע

אַ לעגענדע

עס טומעלט זיך מיר אין מוח א לעגענדע וואָס איך האָב ערגעץ געלעזען אין אונזערע הייליגע ספרים. אפשר האָב איך עס געהערט אלס קינד פון א מגיד. די לעגענדע דערציילט, אַז גאָט האָט אמאָל געהאט א שווערען קאַמף מיט דעם טייוועל. דער טייוועל, באַזיצענדיג דעם שם המפורש, אזוי דאכט מיר געהט די לעגענדע, האָט געוואָלט באַהערשען די וועלט. ס'איז געווען א קאַמף צווישען רעכט און אומרעכט, ליכט און פינס־טערניש, און זייענדיג דאָך דער באשעפער האָט דער אלמעכ־טיגער באַזיגט דאָס אומריינע באשעפעניש.

ווי איך פארשטעה, האָט ער דעם טייוועל געבונדען און איהם מסתמא פאַרשפאַרט אין א קארצער מיט אַ שטאַרקער וואַך. ס'איז פאַרשטענדליך אז אפילו ווען דער הויפט פון די טייוואָלים איז געווען פאַרשפאַרט אין געפענגניש, זיינען זיינע מיטהעלפער, די קליינע שדים, ניט געשטאַנען מיט פארלייגטע הענד. זיי האָבען פאר טויזענדער יאָהרען געטאָן זייער געמיי־נע ארבייט וואו זיי האָבען נאָר געקענט. אָבער אָהן א פיהרער האָבען זיי בלויז געברענט און געבראָטען, צעשטערט לעבענס, געפיהרט מלחמות, אָנגערייצט ברודער געגען ברודער אָבער אלץ אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב.

ניט האָבענדיג, אָבער, דעם שם המפורש, האָבען זיי געהאָט פאַרהעלטניסמעסיג א קליינע ווירקונג אויף דער מענשהייט. אזוי

שנעל ווי די מענשען האָבען אויסגעפונען אז אַ טייוועל איז פאַר־אַנטוואָרטליך פאר זייערע צרות האָבען זיי איהם פאַרטריבען פון זייער געזעלשאַפט. ליידער, ווי עס זעהט אויס פון די איצטיגע געשעהנישען אויף דעם ערד־קוגעל, איז דעם ריכטיגען טייוועל געלונגען צו אַנטלויפען און ער האָט געפונען א היים אין דייטש־לאַנד. ס׳איז מעגליך, אַז די וועכטער האָבען אויף א סעקונדע צוגעמאַכט זייערע אויגען אָדער אפשר זיינען די קייטען, מיט וועלכע ער איז געווען געבונדען, אָפּגעשוואַכט געוואָרען פון גרויס עלטער. עס זעהט אויס, אַז ער האָט פאַציאַפּעט דעם שם המפורש און נאָכאַמאָל באקומען זיין געוואַלדיגע קראַפט וואָס מאַכט איהם אזוי שטאַרק. האָבענדיג דעם רבונו של עולם׳ס סוד פון יצירה און פאַרשטאַנד און האָבענדיג זיין טייוועלשע „כיט־ראָסט״ און געמיינהייט, איז איהם געלונגען צו ווערען דער גרעס־טער און קליגסטער און געפּעהרליכסטער שונא פון דער גאַנ־צער ערדישער וועלט, און דער טייוועל האָט זיך אַ נאָמען געגע־בען היטלער.

עס איז דאָך אונגלויבליך, אַז א געוועהנליכע מענשליכע באַשעפעניש וואָלט געהאט אַזאַ פינסטערע און מעכטיגע גבורה ווי דער טייוועל היטלער האָט באַוויזען זייט ער איז ארונטערגע־קומען אויף דער וועלט פון דעם פינסטערען גיהנם. זיין צויבער און שכל איז ניט באגרייפליך. בלויז דער יעניגער, וואָס האָט געלערענט ווי צו געברויכען דעם שם המפורש, האָט די קראַפט און צויבער צו מאַכען דעם בעלגישען קעניג איבערצוגעבען איהם זיין ארמיי וואָס איז געוועזען וויליג צו קעמפען פאַר איהר לאַנד.

אויך איז שווער צו פאַרשטעהן פאַרוואָס די פיהרער פון אַזאַ גרויס און שטאַרק פאָלק ווי פראַנקרייך האָבען זיך איהם אונטערגעגעבען, ווען דאָס פאָלק איז געוועזען גרייט צו שטאַרבען אבי ניט ווערען שקלאַפען ביים טייוועל. זיי האָבען געהאַט אַלץ וואָס א גרויסע מלוכה האָט בעדאַרפט האָבען אום צו געווינען די מלחמה, און דאָך האָבען זיי זיך אָוועקגעלייגט אזוי ווי שוואַכע שעפעלעך.

איצט איז די פראַגע: ווי באַלד דער טייוועל האָט אין זיך אזא שוואַרצע גבורה — וואָס וועט זיין דער סוף פון דער וועלט? מיט אזוי פיעל קליינע שדים אלס מיטהעלפער — ווער ווייס ווי וויים ער וועט געהן מיט זיין טייוועלשער ארבייט!

מיט אונזער אָרימען מענשליכען פאַרשטאַנד קענען מיר ניט באַגרייפען ווי אזוי קען דער רבונו של עולם צוזעהן די יסורים און שרעקליכע טהאַטען וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט. ער איז דאָך דער באַשאפער פון דער וועלט און דער פאָטער פון אלע מענשען — ווי אזוי קען ער דולדען די מערדעריי פון דעם טייוועל! זייט די וועלט איז באַשאַפען איז אזוי פיעל בלוט ניט פאַרגאָסען געוואָרען; מענשען שווימען אין זייער אייגען בלוט; מיליאָנען קינדער, פרויען און עלטערע מענשען ווערען צעריסען פון באָמבעס און פייער. די, וועלכע בלייבען לעבען, האָבען ניט וואו אוועקצולייגען זייערע קעפּ. פאַרטריבען פון זייערע היימען, וואַנדערען זיי ארום פאַרשמאַכטע און פאַרהונגערטע.

ניט אַנדערש, אַז דער טייוועל האָט אָפּגעשוואַכט גאָט'ס קרעפטען, ווען ער האָט באַקומען די קאָמבינאַציע פון דעם שם המפורש. זיין כשוף און שוואַרצע גבורה איז ניט די ארבייט פון א געוועהנליכען טייוועל. און אפשר האָבען די אלע מעשים פון

טייוועל גאָט׳ס צושטימונג. מעגליך אַז ער שטראָפט די מענשען פאַר זייער שווייגען, פאַר ניט העלפען זיינע אידישע קינדער, וועלכע מען אַטאַקירט אזוי אונדערבארמליך אין די לעצטע עט־ליכע יאָהר. דאָס וואָלטווירקליך געוועזען אן אצבע אלקים. אָבער מיר פארשטעהען ניט פארוואָס קומט אזוי פיעל נחת און גדולה אונזער ערגסטען שונא היטלער. ער וואָלט געקאָנט גע־פינען א סאך אַנדערע מיטלען ווי אזוי צו באַשטראָפען די זינדיגע גוים. יעדענפאַלס איז קלאָהר, אַז דער רבונו של עולם שטראָפט די גוים פאר זייער גלייכגילטיגקייט צו די אידישע צרות. זיכער וועלען די היטלערס באַקומען זייער שטראָף, און הלואי וואָס גיכער!